בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' חיי שרה | כ' חשון | תשע"א | סוטה מ"א:

# באריכט:

נעכטן נאכט איז ביי רבינו שליט"א פאהרגעקומען דער שידוך שליסן פון הבה"ח בן הרה"ג ר' דוד יצחק ווערצבערגער שליט"א מו"ץ בקהלתינו הק' אין קרית יואל, בן הר"ר חיים יוסף שליט"א איידעם פון הרה"ח ר' דוד עקשטיין הי"ו מראה"ק אין קרית יואל, מיט די טאכטער פון הרה"ח ר' ירחמיאל ביטמאן הי"ו.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתנו הבר מצוה, הב' בן מוה"ר יצחק אליקים שווארץ הי"ו פון וויליאמסבורג, הב' בן מוה"ר שמואל טאבאק הי"ו פון וויליאמסבורג, און הב' בן מוה"ר יעקב חיים מאשקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג. פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' נחמי' בר"מ ווערצבערגער הי"ו פון קרית יואל.

## יום תפילה אין ת"ת אין לאנדאן

די וואך מאנטאג נאכט איז פאהרגעקומען א שוידערליכע גניבה אין בנין פון תלמוד תורה אין לאנדאן, ווי ערלים האבן וואנדאלאירט דעם בנין און געגנב'ט טייערע חפצים, ווען מען איז אנגעקמען אינדערפרי אין חדר איז געפונען געווארן דער ס"ת אויסגעשפרייט אויף דער ערד ר"ל.

אין ליכט פון דעם האט הגה"צ רב דקהלתינו שליט"א פאראדנעט אויף היינט דאנערשטאג א יום תפילה , ווי אלע מלמדים האבן געפאסט און די צאן קדשים האבן אינאיינעם געזאגט תהלים אין חדר.

נ'ודה ש'מו ה'טוב

בזה הננו להביע ברכותינו הנאמנה מעומק לבבינו מול פני ידידינו החשוב האי גברא רבא ויקירא, שבחו מי ימלל, מלו וגדוש, מוכתר במעלות ומדות טובות וישרות ה"ה

מוה"ר נפתלי הירצקא שטיין הי"ו

לרגל תת ה' שמחה במעונו הולדת בנו למזל טוב ובהאי עידן חדוותא נשגר לו שירתא ותשבחתא, על שמע"כ עומד תמיד לימינו בעזרתא

השי"ת יעזור שיזכה להכניסו בבריתו שלאע"ה בעיתו ובזמנו, ויזכה לגדלו ולחנכו לתורה לחופה ולמעשים טובים, ע"ד אבותינו ורבותינו הק', מתוך נחת דקדושה והרחבת הדעת, עדי שנזכה לקבל פני משיח דצקינו ומלכינו בראשינו בב"א

*כעתירת וברכת*

*צוות העובדים במערכת*

## אנטווערפען יצ"ו

אין פאזיטיווע אנטוויקלונגען אינערהאלב קהלתינו הק' אין אנטווערפן, ווי מען גרייט זיך האפענטליך בעז"ה אנצוהייבן די פאקטישע בוי-ארבייט ביי די בניני קהלתינו הק' אין די נאנטע תקופה, ווערן אין די טעג אדורכגעפיהרט די טעכנישע חלקים, ווען פארשידענע אינזשענירן גייען אדורך דעם גאנצן בנין און טוהן די נויטיגע ארבייט, אזוי אז אין די באשטימטע צייט זאל מען קענען גאר שנעל אנהייבן מיט די מאסיווע בוי פראיעקט.

נעכטן - מיטוואך זענען די אינזשענירן געווען אויפן ארט פון די פריע פארטאג'ס שעה'ן, און האבן אדורכגעפיהרט די נויטיגע עקספערימענטן אינעם גרויסן חצר, ווי עס וועט אי"ה אויפגעשטעלט ווערן די היכל ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב, און אונטער דעם די פראכטפולע "היכל התורה".

אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די גארער וועלט בכלל און אנ"ש תושבי אנטווערפען בפרט קוקן שוין ארויס אויף התחדשות אורה פון קהלתינו הק' ווען די בניני קהלתינו הק' וועלן בעז"ה זיין על תילם בנוי' און זענען מתפלל "בורא עולם בקנין השלם זה הבנין".

*-בונים היכל לה' אלקי ישראל-*

## פיבערהאפטיגע הכנות אין לאנדאן

אין עיה"ב לאנדאן קומט אצינד פאהר די לעצטע פיבערהאפטיגע הכנות מקבל פנים צו זיין כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועלכע קומט אי"ה צוגאסט קומענדיגע וואך אויף אפאר טאג לכבוד די הכתרה פונע'ם רב הקהלה שליט"א.

היינט קומט פאהר דער כתיבת ספר תורה צום ספר תורה וואס וועט אי"ה אריינגעגבן ווערן קומענדיגע וואך בבית מדרשינו הגדול אין לאנדאן לע"נ מרן רביה"ק בעל ברך משה זצוק"ל בהשתתפות יבדלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי אלע משתתפים וואס האבן גענומען א חלק אינע'ם ס"ת וועלן האבן די מעגליכקייט צו שרייבן אן אות.

דער כתיבה קומט פאהר אין שטוב פונעם עסקן וואס האט זיך אוועקגעגבן פאר'ן ספר תורה מוה"ר יואל שעהר הי"ו פון 7:30 ביז 10:30 אויפדערנאכט.

*-הנה מלכך בא-*

מיט א ברכת ברוך הבא בשם ה' טוען אנ"ש מקבל פנים זיין בברכה הרה"ח לוחם מלחמות ה' רבי אלתר קויפמאן שליט"א מנהל המוסד בית חינוך לבנות "חכמת לב" אין עיה"ק ירושלם.

רבי אלתר איז יעצט געקומען אויף א באזוך לטובת דעם הייליגען אלעמען באקאנטן מוסד "חכמת לב" , אין די טעג וועט אי"ה געפראוועט ווערן מסיבות של מצוה לטובת דעם מוסד אין מער פרטים וועט אי"ה נאכפאלגען.

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.